

# א מושל זיך צו לערנען

## פרשת בהר בחקותי

**וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ.**

**די** קעלט אין יענעם ווינטערדיגן פארנאכט האט ממש געשניטן אין די ביינער. דער פראסט האט פארגליווערט דעם שניי אויף די וועגן, און דער אומעטיגער ווינט האט געפיפן צווישן די ליידיגע ביימער פונעם אלטן וואלד ביים גרעניץ, ווי ער וואלט געקלאגט אויף די צרות ישראל.

**אויף** א קאלטן שטיין, אינמיטן דעם פוסטן געגנט, איז געזעסן א איד. אבער מען קען עס קוים אנרופן א מענטש; ער איז געווען א שאטן פון זיך אליין. **איינגעהילט אין צעריסענע שמאטעס וואס האבן מער אנטפלעקט ווי צוגעדעקט. זיין פנים האט ארויסגעשטארט, די באקן איינגעפאלן פון וואכן לאנגע הונגער, די ליפן בלוי פון די פראסט, און אין זיינע טיפע אויגן האבן זיך אנגעזען א ים פון יסורים און ווייטאג וואס קיין פעדער קען נישט באשרייבן. ער האט געציטערט פאר קעלט, הונגער און דורשט, נישט וויסנדיג פון וואו זיין קומענדיגע שטיקל טרוקענע ברויט וועט קומען צו דערהאלטן זיין ארימע נשמה.**

**אזוי** זיצנדיג מיט א צעבראכן הארץ, זיך בעטנדיג צום רבונו של עולם ער זאל אים שוין אויסלייזן פון זיין ביטערן קלעם, הערט ער מיטאמאל א קלאנג. פון דערווייטנס דערהערט זיך דאס שווערע קריצן פון רעדער אויפן פארפרוירענעם שניי, באגלייט מיט דעם שווערן גאלאפ פון פערד און דאס שטילע געמורמל פון מענטשן.

**דער** ארימאן הייבט אויף זיינע שוואכע אויגן, און ער זעט א מחנה קומט אן. עס זענען געווען עטליכע גרויסע, שווער-באלאדענע וועגנער, אנגעפירט דורך א גרופע אידישע סוחרים. אבער די וועגנער זענען נישט סתם געפארן אויפן גראדן שאסיי; זיי האבן זיך געשליכן דורך די זייטיגע, באהאלטענע וואלד-וועגן. דער ארימאן, טראץ זיין שוואכקייט, האט גלייך געכאפט וואס דא גייט פאר. פון אונטער דאס היי, וואס האבן געזאלט דינען אלס א דעק-מאנטל, האבן ארויסגעשטעקט טייערע, אומלעגאלע שמוגל-סחורה! סחורה וואס אויב די גרעניץ-וועכטער לייגן אן אויג דערויף, קען דאס באדייטן קאנפיסקאציע, שווערע שטראפן, און לאנגע יארן אין די טונקעלע תפיסות פונעם צאר.

**מיט** זיינע לעצטע כוחות שלעפט זיך דער ארימאן ארויס פון זיין ווינקל, שטעלט זיך ביים עק פונעם וועג, און שטרעקט אויס זיין מאגערע, ציטערדיגע האנט צום ערשטן וואגן.

**מיט** זיין לעצטן אטעם, ווען די שוואכע לונגען האבן שוין ממש געפיפן פונעם פראסט, האט ער זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות. עס איז אים ארויסגעקומען פון האלז א געשריי וואס האט געקענט שפאלטן הימלען.

**"אִידְדְן... רחמנות..." האט זיין אפגעשוואכטע, ציטערדיגע שטימע געפלאטערט אין דעם ווילדן, שטורעמישן ווינט וואס האט אים געשמיסן קאלטע שניי אין פנים. די ווערטער האבן זיך געריסן פון זיין פארקלאמטן האלז מיט אזא יאמערליכן און רחמנות'דיגן קלאנג, ווי פון א נשמה וואס שטייט שוין ממש... איר זענט דאך רחמנים בני רחמנים, האטס א טראפעלע רחמנות אויף אן אומגליקליכן, עלנדע מענטש וואס דערטרינקט זיך אין א ים פון יסורים..." דאס געוויין זיינס האט זיך געמישט מיטן געפייף פונעם ווינט, שרייענדיג צום שווארצן, שטערן-לאזן הימל אין דער טיפער, פארפרוירענער נאכט.**

**אויפן** ערשטן, שווער-געלאדענעם וואגן, וואס האט געקריצט און געזיפצט אונטער די אומגעהויערע געוויכט פון טויזנטער רובל'דיגע אומלעגאלע סחורות, איז געזעסן א חבריא פון מבינים. דאס זענען נישט געווען סתם מענטשן; דאס זענען געווען קלוגע, געריבענע יונגעלייט, סוחרים מיט א שארפן בליק וואס האבן שוין געזען א וועלט און זענען אפגעבריט געווארן פון יעדן קליינעם ריס. די חברה האבן גלייך אפגעשטעלט די פערד.

**ווי** נאר זייערע אויגן האבן באגעגנט דעם צעשמאטעטן בעטלער, האבן זייערע אינסטינקטן אנגעהויבן ארבעטן. זיי האבן נישט נאר געזען א פשוט'ן, הונגעריגן ארימאן וואס שטייט און ציטערט ביי די רעדער. אבסאלוט נישט! זייערע שארפע, אדורכדרינגליכע אויגן האבן באמערקט עפעס סאך מער שרעקעדיג. **זיי האבן געזען ווי דעם בעטלער'ס בליק איז נישט סתם א שוואכער און פארגליווערטער; זיינע צוויי גרויסע, פייערדיגע אויגן, וואס זענען שרעקעדיג ארויסגעשטארט פון זיין איינגעפאלענעם פנים, האבן זיך געווארפן מיט א שארפקייט און ממש אדורכגעדרונגען די דיקע שיכטן פון היי וואס האבן געזאלט באדעקן דעם סוד. די סוחרים האבן געזען בחוש ווי דעם ארימאן'ס בליק שפרינגט ממש דירעקט אריין אין די שמאלע שפאלטן, ארויסלייענענדיג די באהאלטענע האלצערנע קעסטלעך און די טייערע, קאנטראבאנד סחורות וואס האבן ארויסגעפינצלט פון דארט.**

**עס** איז אריבער א טויט-שטילע, דראמאטישע סעקונדע. א קאלטער שווייס האט אנגעהויבן רינען אויף די רוקנס פון די סוחרים, טראץ דעם אכזריות'דיגן פראסט. זייער חריף'דיגער שכל האט אין א מורא'דיגע גיכקייט צענומען דעם סיטואציע אויף טעלערלעך. די אויגן האבן זיך איבערגעוואונקען איינער צום צווייטן אין א שטילן שרעק. זייערע בליקן האבן גערעדט מער ווי טויזנט ווערטער:

"**אוי** וויי! אט דער צעבראכענער מענטש דא, וואס זעט אויס ווי א האלב-טויטער קערפער, איז גאר א טויטליכע און לעבעדיגע באמבע! דער מענטש האט דאך גארנישט אויף דער וועלט וואס צו פארלירן. ער גייט ממש אויס פון הונגער, יעדע סעקונדע קען זיין זיין לעצטע. אז ער קוקט מיט אזעלכע אויגן און דערגייט וואספארא אוצרות פון אומלעגאלע עשירות מיר פירן דא אריבער... איז אויב ער לאזט נאר ארויס איין קוויטש אדער איין ווארט זענען מיר אלע דירעקט אויפן וועג קיין סיביר פאר די קומענדיגע צוואנציג יאר! ער קען אונז דא פארקויפן פאר איין טרוקענעם שטיקל ברויט! ס'איז א מורא'דיגע סכנה, א פראגע פון לעבן און טויט!"

**אן** קיין איין איבעריגע ווארט, איז די באשלוס געפאלן. ווי געביסן פון א שלאַנג, זענען די סוחרים מיט אן אומנאטורליכע, איבערראשנדיגע פלינקקייט אראפגעשפרונגען פונעם הויכן וואגן, זיך מאכנדיג אזוי באקוועם און פריינטליך ווי זיי וואלטן יעצט באגעגנט דעם גרעסטן פריץ אין דער גובערניע. זיי זענען צוגעלאפן צום בעטלער מיט א ברייטקייט, מיט איבערגעטריבענע שמייכלדיגע פרצופים און מיט א כבוד מלכים ממש וואס האט זיך נישט געפאסט פאר די אומשטענדן.

"**שלום** **עליכם, רעב איד!" האבן זיי אים ארומגענומען מיט ווארימע, בארואיגנדע קולות. "וואס מאכט איר דא אליין אין דעם טיפן, פינצטערן וואלד, אין אזא שרעקליכע, צארנדיגע קעלט?! מען זעט דאך אן אויף אייך אז איר זענט שרעקליך אפגעשוואכט און איר פאלט שוין חלילה פון די כוחות, עס רייסט ביים הארץ..."**

**און** נאך פאר דער איבערראשטער ארימאן האט געקענט עפענען א מויל זיך צו ערקלערן, האבן די יונגעלייט אריינגעשטעקט די הענט טיף אין די באהאלטענע קעשענעס פון זייערע טייערע, ווארעמע פעלצן. זיי האבן ארויסגעצויגן א שווערן הויפן מיט פארוויקלטע מטבעות ־ א ריזיגע, מורא'דיג פולע נדבה. גרויסע, ריינע זילבערנע מטבעות, וואס האבן ממש געבליצט און געפינקלט אין דעם שווארצן טונקלקייט פונעם נאכט. מיט א ברייטן שמייכל, וואס האט געזאלט אינגאנצן פארדעקן זייער אינערליכן, ציטערדיגן פחד, און מיט דעם גרעסטן דרך ארץ האבן זיי דאס אריינגעלייגט גראד אין זיין בלוט-פארפרוירענע האנט. די קאלטע זילבער האט זיך אנגעשטויסן איינס אינעם אנדערן מיט א רייכן, קלינגעדיגן קלאנג וואס האט איבערגעריסן דעם בייזן גערויש פונעם ווינט.

"**דא** האט איר, טייערער איד," איר זאלט אונז טאקע האבן א רפואה שלמה און זיך אפערהוילן ווי אים שנעלסטן . גייטס תיכף ומיד אין שטאט אריין, קויפט אייך איין א גוטן, הייסן און ווארעמען סעודה זיך צו דערכאפן דאס הארץ אדער א ווארעמע בגד!" אזוי האבן זיי זיך געזעגנט מיט אים מיט אזויפיל שיינקייט און פראכט, ארויפגעשפרונגען צוריק אויף די וועגנער, און מיט א שווייס אויפן שטערן האבן זיי א זעץ געטון די פערד, ווייטער צו פארן בשלום און פארשווינדן ווערן אין דער פינצטערניש וואס שנעלער.

**דער** ארימאן איז געבליבן שטיין אויף זיין ארט אינגאנצן איבערגענומען, ווי אנגעגאסן מיט הייס וואסער. ער האט אראפגעקוקט אויף זיין אפגעשוואכטע, דארע האנט וואס איז יעצט געווען אנגעפילט מיט אן אוצר פון בליצנדיגע זילבערנע מטבעות, א סכום געלט וואס ער האט שוין לאנגע יארן נישט געזען אפילו אין זיינע שענסטע חלומות. זיין האלדז האט זיך דערשטיקט פון א כוואליע פון געפילן. הייסע, ברענענדיגע

טרערן האבן זיך ארויסגעריסן פון זיינע ארומגענומענע אויגן, שניידנדיג דורך זיין פראסט-פארגליווערט, צעוויטאגט פנים, און זענען געפאלן איינס ביי איינס אויף די קאלטע מטבעות.

**זיין** הארץ איז אינגאנצן צעגאנגען, פול געווארן מיט אזא טיפע, אומבאשרייבליכע דאנקבארקייט. ער האט אויפגעהויבן זיינעביידע הענט און פון טיפן, קראנקן הארץ ארויס, **מיט יאמערדיגע אבער גליקליכע קולות וואס האבן געשניטן די לופט, האט ער נאכגעשריגן די אוועקפארנדיגע סוחרים מיט די ווארעמסטע ברכות מקרב לב: "זאל אייך דער באשעפער באצאלן טויזנט פאכיג! איר האט אפגעראטעוועט א לעבן פון אן עכטע סכנה! זאלט איר קיינמאל קיין שום צער נישט וויסן... זאלט איר פאָרן געזונטערהייט און אנקומען בשלום מיט גרויס הצלחה!..." די הייסע ברכות האבן נאך לאנג אפגעקלינגען אינעם טויטן וואלד, באגלייטנדיג די סוחרים אויף זייער ווייטערדיגן וועג.**

**אבער** דאן אביסל שפעטער זענען אין דעם זעלבן וואלד אנגעקומען אנדערע וועגנער. אויף די דאזיגע וועגנער זענען געזעסן אנדערע סוחרים, קארגע, און שטאלצע מענטשן וואס זייער געלט האט זיי פארבלענדט די אויגן. זיי האבן געזען סחורה, אבער נישט קיין מענטשן.

**דער**ארימאן גייט צו צוגעבויגנערהייט צו זייער וואגן : **"אידן, טוטס א חסד... א שטיקל ברויט... ראטעוועט א לעבן..."**

**דער** הויפט סוחר גיט אים א קוק אראפ פון דער הויך מיט אן עקלדיגן בליק, ווי מען קוקט אויף א שטיין אין וועג. ער קראצט אינעם טאש, נעמט ארויס צוויי-דריי פארזשעווערטע, אפגעריבענע קופערנע גרייצערס, אוןווארפט עס צו אים אראפ אין שניי מיט א גרימצארן: **"נא דיר, גיי אוועק פון דא! שטיי נישט אין וועג!"**

**דעם** ארימאן איז עס געגאנגען אין לעבן. ער איז אפשר קאפוט פארארעמט, אבער ער האט נאך געהאט א אידיש הארץ און א שטיקל מינימאלע כבוד הבריות. ער קוקט אויף די קופערנע פרוטות אין שניי, און בלוט שטייגט אים אין קאפ. **"דאס איז נישט לויט מיין כבוד," זאגט ער צו די סוחרים, זיין קול כאפנדיג א פעסטקייט וואס ער האט שוין לאנג נישט געהאט. "עס פאסט מיר נישט צו נעמען אזעלכע קליינגעלט און ווערן באהאנדלט ווי א הונט. איר זענט שווערע גבירים, איר פירט דא סחורות פאר טויזנטער רובל, און איר ווארפט מיר קוים אפאר קופערנע פרוטות מיט בזיונות?!"**

**אנשטאט** זיך צו כאפן דעם טעות און צוריקציען, זענען די סוחרים געווארן ווילד ווי חיות. דאס וואס אן ארעמאן "פארלאנגט" און "האט גאווה" האט זיי געמאכט פארלירן דעם גאנצן מענטשליכקייט. "וואס?! דו בעטלער! דו פארלאנגסט נאך?! דו רעדסט זיך נאך איין אז דו ביסט אן איש מכובד?!"

**זיי זענען אראפגעשפרונגען פון די וועגנער. מיט אכזריות האבן זיי זיך אנגעכאפט אין דעם שוואכן ארימאן און אים אנגעהויבן צו שלאגן אן רחמנות. מכות רצח! א קלאפ דא, א זעץ דארט. מען האט אים באליידיגט, און אריינגעטראטן אין זיין שוואכן קערפער, ביז ער איז געבליבן ליגן א צעבלוטיגטער און א צעקלאפטער אויפן קאלטן שניי, קוים אטעמענדיג. מיט א ווילדן געלעכטער זענען די סוחרים צוריק ארויף אויף די וועגנער און זענען אפגעפארן, איבערלאזנדיג אים פאר די וועלף אין וואלד.**

**דער** ארימאן ליגט דארט אין דעם געדיכטן טונקלקייט. זיין קערפער ציפערט פון ווייטאג, אבער אין זיין הארץ הייבט אן צו ברענען א פייער. דאס בלוט פליסט פון זיינע וואונדן, און אינאיינעם מיט דעם הייבט אן צו פליסן א שרעקליכע טיפע געפיל פון נקמה. "איך גיי אויס פון הונגער, איך בעט זיי שיין, און אנשטאט צו העלפן האבן זיי מיך צעטראטן ווי א ווארעם? זיי פילן זיך אזוי זיכער מיט זייער אומלעגאלע עשירות?!"

**מיט** כוחות אויסער די נאטור הייבט ער זיך אויף. עס רייסט ביי אים יעדע אבר, אבער דער כעס גיט אים פליגלען. ער גייט גראד אין שטאט אריין. ער שטעלט זיך נישט אפ ביים קרעטשמע. ער קריכט דירעקט צום הויפט בנין פון די טאמאזשניע ־ די צארישע גרעניץ-פאליציי אינסטיטוציע.

**ער** גייט אריין, מיט די בלוטיגע שמאטעס, צום הויפט קאמאנדיר און לייגט אראפ א מסירה וואס הילכט אפ: "הערט מיך אויס! אויפן זייטיגן וואלד-וועג צו צפון זענען יעצט אריבערגעפארן עטליכע שווערע וועגנער. ס'איז אנגעפילט מיט שמוגל-סחורה, טייערע זיידן און קאנטראבאנד, באהאלטן אונטער היי!"

**די** רעאקציע איז געווען בליץ-שנעל. דער קאמאנדיר האט אויפגעהויבן דעם שטאב, צענדליגער באוואפנטע חברה מיט שפיזן, רעוואלווערן און רוסישע הינט זענען ארויסגעפארן מיט די פערד אינעם פינצטערן נאכט. **זיי האבן געמאכט אן אומגעריכטן ארומרינגלונג אויף די סוחרים ביים נעקסטן**

**קרייצוועג. פראנט און בעק איז פארשפארט. בלוט-הינט האבן געבילט. די שמוגלערס האבן אפילו נישט געהאט קיין צייט צו טראכטן! די גרעניץ-וועכטער האבן אראפגעשניטן די היי, אנטפלעקט די גאנצע געהיימע סחורה, און מיט ווילדע קולות אפגעליידיגט די וועגנער.**

**די** "קלוגע" שמוגלערס וואס האבן געגעבן כבוד זענען שוין לאנג געווען ווייט, אבער די קארגע סוחרים, וואס האבן זיך אפגעשטעלט צו שלאגן און חוזק מאכן, האט מען געכאפט ביי די קארקן. מען האט זיי אנגעקייטלט מיט קייטן אויף די הענט און פיס, די טייערע סחורה איז געווארן קאנפיסקירט פארן רעגירונגס-אוצר, און די "גרויסע גבירים" זענען אריינגעווארפן געווארן אינעם טיפסטן, פייכטסטן קעלער-תפיסה אונטערן ערד, צו ווארטן אויף זייער ביטערן משפט וואס האט געקענט באדייטן יארן לאנג סיביר!

**אינעם** טונקעלן קעלער זענען די סוחרים געזעסן צעבראכן, צעקלאפט און אויסגעשפילט. זיי האבן געריסן די האר פון קאפ כאפנדיג דעם געפערליכן טעות וואס זיי האבן געמאכט. "אוי, וואס האבן מיר געטון?!" האבן זיי געשריגן מיט יאמערליכע קולות. "צוליב עטליכע פראסטע מטבעות, צוליב אונזער אכזריות צו אן ארימאן, האבן מיר אלעס פארלוירן און אונזער לעבן איז אין סכנה!"

**זיי** האבן געבעטן דעם תפיסה-וועכטער ער זאל ברענגען דעם ארימאן. "מיר מוזן אים איבערבעטן! מיר מוזן אים אפקויפן!"

**"ווען** דער ארעמאן איז צוגעקומען צום קעלער ביים קליינעם אייזערנעם פענסטערל, זענען אים די סוחרים געפאלן צו די פיס. **מיט הייסע טרערן האבן זיי זיך גענומען בעטן צו אים: "רחמנות!! האב רחמנות אויף אידישע קינדער! זיי אונז מוחל אויף די ביטערע מכות. מיר זענען אצינד גרייט דיר צו געבן טויזנטער רובל! דא האסטו אלע אונזערע פארבליבענע געלטער, נעם וואס דו ווילסט נאר! נעם אלעס! איין זאך בעטן מיר, טוה אונז א טובה און גיי אריבער צום מיניסטער, בעט זיך איין פאר אונזערטוועגן, זעה צי דו קענסט עפעס פועל'ן פאר אונז. אפשר אין דיין זכות וועט מען אונז מוחל זיין און אונז באפרייען פון דעם פינצטערן תפיסה-לאך!"**

**אבער** דער ארימאן האט זיי אנגעקוקט מיט א קאלטן, רוהיגן בליק. ער האט זיך נישט גערעגט און נישט געלאכט, נאר שטילערהייט ארויסגעזאגט ווערטער וואס האבן געשניטן ווי מעסערס אין זייערע הערצער:

**"רבותי,** איר כאפט פשוט נישט. **ווען איר זענט געווען אויפן וועג, האט איר געהאט די סחורה און איך האב געהאט מיין הונגער. דעמאלס, פאר א פאר מטבעות און א שטיקל רחמנות, וואלט איר מיר געקענט באַרואיגן. עס איז אלעס געווען צווישן מיר און ענק. אבער אצינד? יעצט איז עס שוין נישט ביי מיר... די זאך איז שוין אינגאנצן ארויס פון מיינע הענט. עטס זענט אצינד אינעם רשות פון די פריצים, פון די רעגירונג! די דין און דברים איז שוין געשריבן אין זייערע ביכער, די סחורה איז שוין נישט דא צו פארהאנדלען, און איך בין דא גארנישט מער ווי א בלאז... עס איז שוין צו שפעט!"**

**רבותי, דער נמשל פאטשט דאך אזוי שטארק אין פנים, אז עס קען אדורך דרינגען ביז צום טיפסטן סטרונעם אינעם הארץ!**

**לאמיר** זיך מתבונן זיין מיט אן אמת'ן, חסידישן בליק וואס דא גייט פאר. הייליגע ספרים זאגן אונז דאך, אז יעדן איינציגסטן מענטש ווערט אנגעשריבן אום ראש השנה אין הימל, ביים גרויסן משפט, פונקטליך זיין בודזשעט פארן קומענדיגן יאר. וויפיל ער וועט פארדינען, אבער פונקט אזוי קראנט ווערט אפגעשריבן וויפיל עס גייט אים פעלן, וויפיל געלט ער מוז שאדן האבן דאס יאר אדער וויפיל יסורים ער דארף חלילה אדורכגיין ווי א "שטראף-קאנס" (קנס) פאר זיינע חטאים פונעם פארגאנגענעם יאר. די גזירה איז פארחתמ'עט. דאס געלט מוז ארויסגיין פון טאש.

**דער** **רבונו של עולם איז אבער אב הרחמים. ער וויל אונז נישט באשטראפן, שיקט ער צו אונז א שליח. ווען עס קומט אן ארימאן צו גיין, ער קלאפט אין טיר, צובראכן, פארשעמט, און קומט נאך א נדבה אדער א הלוואה, דאס איז ממש א מתנה פון הימל! דער אויבערשטער אליין גיט דא א געלעגנהייט פארן בעל הבית אנצוכאפן דעם רעטונגס-ברעטל. אויב איז דער בעל הבית א "משכיל"** (אַ קלוגער סוחר אין

(רחמנות), **א מענטש מיט שכל הישר וואס קוקט מיט אפענע אויגן - כאפט ער גלייך דעם רמז. ער זאגט צו זיך אליין: "אוי ווי! אין הימל איז דאך אפגעשריבן אז איך מוז פארלירן עטליכע טויזנט דאלאר דאס יאר חלילה. דא האט מיר אבער דער באשעפער אונטערגעשיקט א 'פראקטישע דיעל'-אויב איך געב דא אוועק א שיינע, מכובד'דיגע סומע פאר צדקה וחסד, פאר א 'פָּרֹס לָרָעֵב לַחְמֶךָ', וועט דאס אראפגיין פונעם הימלישן חשבון! איך קויף זיך דא אפ דעם ביטערן פסק מיט בלויזע געלט, און נאך דערצו באקום איך א געוואלדיגע מצוה פון החזקת ישראל!"**

**דער קלוגער מענטש נעמט אויף דעם ארימאן מיט א שמייכל, ער גיט אים א שיינע נדבה באהבה ובכבוד גדול, מען טרינקט א לחיים, און ער ראטעוועט זיך פון אלע ביטערע פגעים און צרות. ער איז דער קלוגער שמוגלער פונעם משל!**

**אבער** וואס טוט זיך נעבעך מיטן "כסיל"? דער שטאלצער, אדער דער קארגער מענטש וואס לעבט אין א דמיון אז "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה"? ווען דער צובראכענער ארימאן שטייט ביים שוועל און וויל א שיינע מתנה, הייבט ער אן צו קאכן און זידען, ממש א פייער. "וואס ווילסטו פון מיין לעבן?!" שרייט ער אים אן. "פארוואס דארף איך דיר געבן עפעס?! גיי ארבעט! איך האב אמאל געמאכט מיט דיר א געשעפט אדער מסחר אז איך בין דיר עפעס שולדיג? מיין געלט קומט מיר שווער אן, איך געב דיר נישט קיין רובל!" ער מאכט דעם ארימאן קליין ווי אן ארבעס, גיט אים א קאלטע פרוטה, און טרייבט אים אוועק מיט א בלוטיגן פנים.

**דער** ארימאן גייט אוועק מיט א צעבראכן הארץ. ער פילט זיך דערנידערט ביזן אפגרונט. די הייסע, ביטערע טרערן וואס פליסן פון זיינע אויגן האבן נישט קיין גרעניץ. ער קוקט ארויף צום הימל און וויינט זיך אויס פארן באשעפער. די איין קרעכץ פונעם ארימאן שפאלט אלע הימלען און גייט ארויף גלייך צום כסא הכבוד! דאס איז ממש אן אמת'ע מסירת דין צו "בית דין של מעלה". ווי עס שטייט קלאר אין פסוק, א מורא'דיגע סטראשע פונעם באשעפער אליין: "וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי".

**די** "טאמאזשניקעס" פון הימל (די מלאכי חבלה און מקטרגים קומען גלייך אראפ. די גזירה ווערט פארוואנדלט אין א רעאליטעט! עס גייט שוין נישט ארויס אויף צדקה, נאר אויף "עֲנִיִּים מְרוּדִים" - עס פאלט פלוצלינג אונטער א געזונטהייט פראבלעם חלילה, א שרעקליכער קלאפ אין ביזנעס, לויערס, דאקטוירים, קאורט-קעיסעס, שווערע פראבלעמען און אומבאשרייבליכע עגמת נפש!

**און** וואס פאסירט ביים סוף? יעצט כאפט זיך דער עושר ביים קאפ! ער ליגט נעבעך חלילה אויפן קראנקן בעט, די אנגסט און שרעק נעמט אים ארום. דעמאלט הייבט ער אן צו טיילן צדקה. ער זוכט אויף דעם זעלבן ארימאן, ער שיקט אים גרויסע ריזיגע געלטער, ער איז אים מקרב, און שיקט אים שליחים זיך צו בעטן ביי אים: "זאג אביסל תהלים פאר מיר! זיי מתפלל, רייס איין פאר מיין לעבן!"

**אבער אין די הימלישע ספערן, ענטפערט אים שוין דער ארימאנ'ס נשמה פונקט ווי ביים משל: "רבי, ביסט שוין צו שפעט! ס'איז שוין נישט אין מיינע הענט. דיין קעיס ליגט שוין אין די העכערע אינסטאנצן... די פולקאמע צדקה וואס דו האסט געקענט טון פארן דין איז שוין אריבער. יעצט זענען שוין דא מקטרגים, די דין איז שוין ארויסגעגעבן געווארן. יעצט ווענדט זיך דאס נאר אין איין זאך - צי דו האסט גענוג גרויסע** (מליצי יושר) **און זכות אבות אין הימל צו דו וועסט עס איבערלעבן יא אדער חלילה ....!"**

**מיט** דעם קריסטאל-קלארן און טיפן יסוד, פארשטייען מיר די הייליגע מדרש (פרשה ל"ד, א') א געוואלדיגן ליכטיגקייט אויפן פסוק אין אונזער פרשה: "וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ עִמָּךְ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ, וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ".

**זאגט** דער מדרש: "הֲדָא הוּא דִכְתִיב אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ה' (תהלים מ"א, ב')."

**לכאורה** וואס איז דער פשט דערין? וואס איז דער קשר צווישן "אָחִיךָ עִמָּךְ" און "בְּיוֹם רָעָה"? פארוואס רופט דער מדרש אן דעם נותן הצדקה מיטן טיטל "מַשְׂכִּיל" (א קלוגער)? א מענטש וואס טיילט צדקה איז א "רחמן", א בעל חסד, פארוואס פונקט א "משכיל"?

**נאר די כוונה איז אזוי פשוט און אזוי טיף: א מענטש קען זיך אפטמאל טרעפן אין א סיטואציע ווי אפי' ער אליין גייט אדורך א שווערע תקופה. דער מארק איז שוואך, די**

**אינפלאציע איז הויך, פרנסה גייט שווער, און ער שפירט אז ביי אים פערזענליך איז אויך א בחינה פון א "יוֹם רָעָה" - א שלעכטע טאג.**

**ווען דער ארימאן קלאפט יעצט אין טיר, קען זיך דער בעל הבית א טראכט טון: "הלוואי וואלט איך געהאט, אבער איצט האב איך דאך אליין נישט!"**

**קומט** דער פסוק און זאגט: צדקה טיילן ווען די זון שיינט, ווען ביזנעס בליהט אן קיין מניעות און דער טאש איז פול מיט געלט, דאס איז דאך נישט קיין גרויסע קונץ און קיין חידוש. ווי שלמה המלך זאגט מפורש "בִּרְבוֹת הַטּוֹבָה רַבּוּ אוֹכְלֶיהָ" - ווען ס'איז דא שפע, רייסן אלע שטיקער, ס'איז גרינג צו געבן. די עכטע חכמה און דער אמת'ער נסיון איז אבער "מַשְׂכִּיל אֶל דָּל בְּיוֹם רָעָה" - צו זיין א 'משכיל' און אריינטראכטן דוקא דעמאָלט ווען דעם עושר אליין גייט עס אויך נישט צופיל בעסער!

**און** פארוואס טאקע? פארוואס מוז ער געבן ווען ער האט אויך נישט?

**ווייל** א "משכיל" - א מענטש מיט טיפן אידישן שכל - כאפט דא אן אמת'ע און ווייטאגליכע פאקט: דעם ארימאנ'ס צרה איז אין יעדע סיטואציע טאפלט אזוי שווער ווי זיינס!

**טראכט** אריין מיט אן אמת! למשל, ווען עס קומט א שווערע יאר פון א טריקעניש, ס'איז נישטא קיין תבואה צו געפינען און פרייזן זענען אין די הימלען. וואס איז דעם גביר'ס פראבלעם? וואס זוכט ער? ער זוכט נאר די מציאות פון די תבואה, ער דארף טרעפן די פראדוקטן אהיים צו ברענגען. ווייל צו באצאלן דערפאר? - געלט האט ער דאך אין באנק! ס'איז אים א 'יוֹם רָעָה', יא, ס'איז אים שווער צו טרעפן די סחורה, אבער ער האט מיט וואס צו קויפן.

**דער ארימאן אבער... אוי, נעבעך דער ארימאן קומט דא צו א שרעקליכן שטאפל. ער מוז זוכןביידע פראבלעמען צוזאמען! ער דארף קודם טרעפן די תבואה, אבער אפי' אויב ער טרעפט עס שוין יא, דארף ער דאך אויך האבן די פאר גרייצער דאס צו קענען אפקויפן! און אז ער האט נישט דעם גרייצער, איז די תבואה אויסדרוקליך אומדערגרייכליך פאר אים! זיין "יוֹם רָעָה" איז דאבל שווער.**

***ממילא,*** אפילו ווען דער בעל הבית שפירט אז עס גייט אים שמאל, דארף ער זיין א "משכיל" זיך מתבונן צו זיין אז דעם ארימאנ'ס מצב איז סאך סאך ערגער.

**דאס** איז די טייטש אינעם הייליגן פסוק: "וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ עִמָּךְ..." - אפי' ווען דיין ברודער'ס ארימקייט פאסירט "עִמָּךְ", דהיינו, אפי' די שווערע צייטן זענען "עִמָּךְ", דו אליין זעסט אויך נישט יעצט קיין גרויסע קרן אורה פון הצלחה, דו שפירסט זיך אויך ווי דו האסט נישט, דאך זאלסטו וויסן "וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ" - דו מוזט אים שטיצן און העלפן! ווייל זיין קלעם איז סאך גרעסער.

**דאס איז דער קלוגער סוחר. אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל - וואויל איז דעם קלוגן מענטש וואס נוצט דעם קאפ, פארשטייט די השגחה פרטית וואס האט אים געשיקט דעם ארימאן אפצוקויפן די דינים, און ער טראכט פונעם ארימאן באצייטנס מיט הארץ און מיט כבוד. וואס וועט זיין די שכר? וואס וועט זיין זיין פארדינסט? בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ה' - דורך דעם וואס ער האט געהאלפן אין א שווערע מינוט, וועט אים דער אויבערשטער אליין באשיצן, ארויסנעמען פון די הענט פון יעדע מקטרג, און אים ראטעווען פון יעדן בייזן פגע ביז ער וועט זוכה זיין צו שפע ברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות, אמן!**

אהל יעקב להמגיד מדובנא

כל הזכויות שמורות
למכון א משל זיך צו לערנען
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
musheltolearn@gmail.com